ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

**כתובים בידי הרבנית הצדקנית**

מרת **חנה** ע״ה ז״ל

**אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל**

## מוהר״ר ר׳ לוי יצחק

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**הוריו של כבוד קדושת**

## אדמו״ר מנחם מענדל

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּארקוויי | ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישה**

וזוגתו מרת **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי׳** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו מרת **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו מרת **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב

ב״ה.

# פתח דבר

הננו מו״ל בזה חוברת יב של „זכרונות״ שנרשמו ע״י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע״ה, אמו של כ״ק אדמו״ר זי״ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח״ז גם בתרגום ללה״ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה״ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר״ לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

## מערכת „אוצר החסידים״

זאת חנוכה, ה׳תשע״ב
ברוקלין, נ.י.


**Reshimas Zichronos**

Kesuvim Bidei Harabanis Hatzidkanis
Maras Chana

Installment 12



Published and Copyrighted © 2011
by



**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com



All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.



*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

**נדפס בדפוס:** The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700




בתי המגורים שם אינם מותאמים להסקה, ואין בנמצא תנורים כדי לחמם באמצעותם את החדרים.

הקירות בנויים מחימר (הנקרא בקאזאחית ״סאמאן״). בקיץ המצב שם נסבל, אבל בחורף הכל נרטב מהקור, ובכל בוקר, כשהגיע הזמן לנעול את הנעליים — או את מגפי הלבד שהיו נוהגים לנעול שם — הן היו תמיד רטובות. מובן מאליו שהצורך להמתין עד לאחר ניגוב וייבוש הנעליים או המגפיים, ולאחר־מכן עד שהרגליים יתחממו, היה בלתי־נעים ביותר. לעתים קרובות אף היו הקירות מתמלאים עובש.

מצאתי בונה־תנורים יהודי, והוא החל לבנות עבורנו מין תנור קטן באמצע החדר, שעליו ניתן יהיה לבשל ולאפות, ובו־זמנית (ב״Same time״, כפי שאומרים כאן) הוא גם יחמם את החדר. אלא שברשותו של בעל־מלאכה זה לא היו הלבנים הנחוצות לבניית התנור, ולהביאן ממקום אחר — לא היה באפשרותו. הובלתי איפוא הביתה בעצמי, במחילה, למעלה ממאה לבנים — אותן ליקטתי בעצמי אחת לאחת בהתחכמויות שונות, מאחר שלא ניתן היה לקנותן בשום מקום. סוף־כל־סוף הושלם ב״ה התנור הקטן, ואקצר כאן את כתיבתי בעניין זה.

מעתה החלה בעיית השגת חומרים להסקה. לא היה קל להשיגם, אבל הדבר עלה בידינו איכשהו.

הבעיה האמיתית היתה בכך שהארובה, שדרכה היה העשן אמור לצאת החוצה בשעת הסקת התנור, היתה משותפת לנו ולבעלת־הבית, וכשהסקנו את התנור — נפגשו בארובה שלהבות האש של שני התנורים, כל העשן התפרץ אל תוך החדר, והיה זה בלתי־אפשרי להימצא בתוכו. החדר כולו היה משחיר מפיח העשן.

בחפשנו עצות למנוע את העשן, נמנענו מלהסיק את התנור באותו הזמן שעשתה זאת בעלת־הבית. ועדיין, כשהיתה מתלקחת שנאתה האכזרית כלפינו — וכלפי יהודים בכלל — היתה ממהרת להסיק את תנורה מיד כשאנו הסקנו את שלנו, כדי שהעשן יתפשט לחדרנו. ובכלל, הרוחות העזות שנשבו באותם ימים היו אף הן מסיטות את העשן אל תוך חדרנו.

האווירה ששררה בקרב הציבור כולו — ההזדככות, הבכיות — היתה מלאת־חרדה.

כדי ללכת מהמקום שבו התפלל המניין אל ביתנו, היה צורך לעבור דרך שני עמקים, לרדת ולעלות במעלה הר. המרחק היה גדול למדי. במוצאי יום־הכיפורים, כשנכנס בעלי אל החדר לאחר קידוש־לבנה, פשוט לא יכולתי להכירו. שינוי כה רב התחולל במראה פניו! הוא — לעומת זאת — שמח מאוד על כך שעלה בידו לחגוג את הימים הנוראים בצורה כה נאה.

## שמחת־תורה שלא יישכח

בימים הראשונים של חג הסוכות כבר לא ניתן היה להתפלל באותו מקום; אבל לקראת הימים האחרונים אורגן המניין שוב.

שמחתם של המתפללים באותו שמחת־תורה — אינה ניתנת לתיאור במלים. היו שם פשוט ריקודים, והשתתפו בשירה ובהתוועדות גם אנשים שמעולם לא עשו כך במקומם שלהם. רבים אמרו לאחר־מכן שבהיותם עם בעלי בבית־הכנסת בחג, שכחו את כל צרותיהם, וגם עתה מרגישים הם עדיין את השפעתו ופעולתו עליהם. אחדים ערכו "קידושים" בבתיהם, והזמינו אליהם מספר אנשים לכיבוד.

שמחת־תורה שכזה לא התקיים באף אחת מהערים באזור, אלא בעיירה זו בלבד, משום שבה שהה בעלי. המתפללים אמרו שבעלי לא יישכח מהם לעולם.

מי שראה את בעלי יושב ומתוועד באותו שמחת־תורה — יכול היה לחשוב שאדם זה לא חווה כל סבל בחייו... מראה פניו השתנה מאוד לרעה, אולם רוחו היתה איתנה למדי.

## כפור בלתי־נסבל

ימי החגים — שרוממו אותנו מעט ממצב־הרוח הנדכה, הפשיטו אותנו מענייני ימות החול, והציבו אותנו בדרגה נעלית קצת יותר — חלפו להם, והחלו חיי היום־יום, חיים חסרי עניין.

בחורף זה הופיעו גלי־כפור רבים למדי, שכללו אפילו שלגים. לדברי תושבי המקום הגויים לא היו גלי־כפור שכאלה זה למעלה משלושים שנה. הם אף הוסיפו וטענו שה"ז'ידים"[112] הם שהביאו את מזג האוויר הגרוע...

112) כינוי גנאי ליהודים.



## די שטיינער האָבן געטאַנצט

דערנאָך איז געווען סוכות. אַ סוכה האָבן מיר אויף אונזער חשבון צוגעמויערט, אַ פּאָדער־הויז צו דעם צימער, דאָס האָט געהייסן, די קעלט זאָל ניט אַריין גלייך אין דער טיר. די בעל הבית׳טע האָט געהייסן מאַכן אַ דאַך אויך, האָט מען איר געזאָגט אַז איצט איז קיין געלט ניטאָ, און ווינטער בעת די קעלטן וועלן זיין, וועלן מיר דאָס טאָן.

דערנאָך איז געקומען שמחת־תורה. קיין ספר־תורה איז נאָך באַ אונז דעמאָלט ניט געווען. דער אורח וואָס האָט ביי אונז דעמאָלט געגעסן בייטאָג, איז געוואָרן אַ שומר, און האָט די נאַכט געדאַרפט שטיין אויף דעם פעלד היטן מען זאָל ניט גנב׳ענען וואָס עס וואַקסט דאָרט. בין איך אַליין מיט אים געווען אין צימער.

עס איז געוואָרן די צייט פון הקפות, שווער איבערצוגעבן פאַר אַזאַ קליין מענטשן ווי איך, די איבער־לעבעניש וואָס האָט זיך אָנגעזען אויף זיין פּנים, און האָט אָנגעהויבן זאָגן אויף דעם קול „אתה הראת לדעת כי ה׳ הוא האלקים אין עוד מלבדו״, מיט דעם ניגון ווי עס איז געווען אין דער היים אין שול מיט אַ סך הונדערטער אידן, און דערנאָך אויף מאָרגן, די אַנדערע נאַכט, ביי אונז אין שטוב נאָר פון מקורבים, עטליכע מנינים[220]. אִי דאָ אִי דאָרט, איז ניט נאָר עס איז געווען ריקודים — די שטיינער האָבן דאַכט זיך געטאַנצט, פון זיין משמח זיין.

אַזאַ שמחה, האָט ער אויף זיך דאָ אָנגעטאָן. ער האָט געזאָגט יעדן פּסוק, נאָך יעדן מאָל געזונגען און געטאַנצט, געווייינליך אַליין, מיט דעם ניגון וואָס אין דער היים האָט דאָס געהייסן דעם רב׳ס ניגון[163]. צווישן בעט מיט דעם טיש איז געווען אַ שטיקל ליידיקער פּלאַץ, אָט־אָ־דאָרט איז ער געגאַנגען אַרום: „זך וישר הושיעה נא .. טוב ומטיב עננו ביום קראנו״, ווי ער האָט געוואָלט עס זאָל זיין ריינע שמחה, האָט זיך געפילט

220) ראה לעיל ע׳ 000.

אין די ווערטער די האַרץ: „יודע מחשבות הושיעה נא .. לובש צדקות עננו ביום קראנו״.

איך האָב דאָס שווער איבערגעלעבט. איך בין זיך געזעצן אין אַ ווינקל אויף דער הילצענער טאַבורעטקע[221], און האָב צוגעקוקט די גרויסקייט און די שטאַרקייט און אהבת־התורה פון דעם מענטשן, האָט אָפּגעטאַנצט אַלע ז׳ הקפות.

אינדערפרי האָט ער מיט אַזאַ לעבעדיגקייט געזאָגט „שישו ושמחו בשמחת תורה״.

דעם יאָר[222] אָבער, וואָס עס זיינען געווען גאַנץ היפּש עוואַקואירטע אידן, איז שוין געוואָרן אַ קיבוץ.

* * *

## ימים נוראים מיט הזדככות און געוויינען

אין דעם חודש תשרי, ווערן אין רוסאַלנד, מערסטנסטייל, די פרייע אויך, רעליגיעז געשטימט. מען האָט אָנגעהויבן גיין צו אים, עפּעס ווי צו אַ צענטער פון דער זאַך, יעדערער מיט זיינע שאלות און בקשות. עס איז געווען מענטשן פון באַסעראַביע, פּולין, און נאָך אַ סך מקומות. מערסטנס זיינען געווען פרויען, ווייל דאָס איז געווען פון באַסעראַביע וואָס מען האָט פאַרנומען גאַנצע פאַמיליעס, און אויף דעם וועג האָט מען זיי פון די מענער אָפּגעשיידט, און זיי זיינען אַלץ נאָכגעגאַנגען פרעגן וואו זייערע מענער געפינען זיך.

די הערצער באַ אַלעמען, כמעט, זיינען געווען זייער פאַרביטערט. נאָר אַ חלק פון זיי, וואָס זיינען געקומען פון מאָסקווא, און נאָך אַזעלכע שטעט, זיינען געווען צופרידן וואָס זיי זיינען אַרויס פון דער מלחמה סכנה און האָבן מיט זיך געבראַכט אַ ביסל גוטס, מיט וואָס זיי האָבן גלייך געהאַנדלט אויף דעם מאַרק. אָבער די ענגקייט און די באַדינגונגען פון די דירות, מיט דעם קלימאַט, האָבן זיי זייער שווער איבערגעטראָגן.

221) שרפרף.

222) תש״ד.



היתה זו עבורי חווייה קשה ביותר. ישבתי לי בפינה, על שרפרף העץ, והתבוננתי בגודלה ובעוצמתה של אהבת התורה של אדם זה, שרקד כך את כל שבע ההקפות.

למחרת בבוקר אמר בעלי מתוך אותה חיות את הפיוט ״שישו ושמחו בשמחת־תורה״.

## ימים נוראים בדמעות שליש

כאמור לעיל, בשנה זו[111] — שבה כבר היתה בעיירתנו כמות ניכרת של יהודים מפונים — התכנס קיבוץ של יהודים לתפילות הימים הנוראים.

ברוסיה מקובל, שגם אלו שבימים כתיקונם אינם שומרי תורה, נוטים בחודש תשרי — ברובם — למצב־רוח דתי יותר. יהודים רבים החלו איפוא לפנות לבעלי כאל גוף מרכזי לעניין זה, איש איש בשאלותיו ובבקשותיו. היו ביניהם אנשים מבסרביה, מפולין וממקומות רבים נוספים. ברוב המקרים היו אלה נשים, שכן המפונים היו ברובם מבסרביה, שם עצרו השלטונות משפחות שלמות כשהם מפרידים בדרך את הגברים משאר בני המשפחה, וכל הנשים התרוצצו ממקום למקום כדי לברר את מקום הימצאם של בעליהן. לבבותיהם של כולם, כמעט, היו מרים עליהם מאוד.

רק חלק מהמפונים — אלו שהגיעו ממוסקבה ומערים דומות נוספות — שמחו על יציאתם מאזור סכנת המלחמה, ומאחר שעלה בידם להביא עמהם מעט מרכושם — החלו מיד לסחור בו בשוק. אבל גם אנשים אלה התקשו מאוד לסבול את הצפיפות והתנאים הקשים בדירות ואת מזג־האוויר. רבים מהצעירים השתלבו בבתי־מסחר אלה, אבל הציבור בכללותו הביט עליהם מיד בעין רעה, והם חיו חיים של חוסר־מנוחה.

מכל אלו התקבץ ציבור ניכר לתפילות. יהודים בעלי־צורה, שניתן יהיה למנותם כשליח־ציבור, כבעל־קריאה וכבעל־תקיעה — לא היו ביניהם; היו אלה יהודים פשוטים ורחוקים משמירת תורה. ומאחר שספר־תורה כבר היה ברשות בעלי, וגם שופר הבאתי מביתי — נאלץ בעלי לעשות את כל זאת בעצמו, הכל מתוך רגש כה רב — ״כל עצמותיו תאמרנה״. הן זה חמש שנים שלא ראה תפילה שכזו!

111) תש״ד.

## שמחת־תורה ביחידות

לאחר־מכן הגיע חג הסוכות[108]. סוכה — בנינו על חשבוננו כתוספת לבית, כביכול כחדר־מבוא אל חדרנו, כדי שהקור לא יחדור ישירות אל החדר עם פתיחת הדלת. בעלת־הבית דרשה שנבנה גם גג על־גבי החדר, ואמרנו לה שבינתיים אין לנו כסף לכך, ובחורף — כשיגיעו ימי הכפור — נעשה זאת.

לאחר־מכן הגיע יום שמחת־תורה. ספר־תורה עדיין לא היה אז ברשותנו. האורח שהיה אוכל אצלנו בימים באותה תקופה — קיבל עבודה כשומר, ובליל שמחת־תורה היה עליו לשהות בשדה ולשמור שהתבואה הצומחת שם לא תיגנב. היינו איפוא אני ובעלי לבדנו בחדר.

הגיע זמן ההקפות. קשה לאדם קטן־ערך כמוני לתאר את החווייה הרוחנית שניכרה על פני בעלי, כשהחל להכריז בקול רם: ״אתה הראת לדעת כי ה׳ הוא האלוקים אין עוד מלבדו!״ הוא אמר את מלות הפסוק באותו ניגון שבו נהג לעשות זאת בעירנו — בלילה הראשון בבית־הכנסת, בנוכחות מאות רבות של יהודים, ולמחרת — בלילה השני — בביתנו, בנוכחות המקורבים בלבד, שמנו מניינים אחדים[109]. בבית כמו בבית־הכנסת — לא זו בלבד שהיו ריקודים, אלא שנראה היה שגם האבנים רקדו מגודל השמחה...

בשמחה כזו התאזר בעלי גם כאן. הוא אמר כל פסוק, ולאחר כל הקפה שר ורקד — בינו לבין עצמו, כמובן — כשבפיו הניגון שכונה בעירנו ״ניגונו של הרב״[110]. בין השולחן למיטה היה שטח פנוי קטן, ושם הלך בעלי סביב סביב בעריכת ההקפות: ״זך וישר הושיעה נא... טוב ומטיב עננו ביום קראנו״ — ניתן היה לחוש במלים אלה את רגשי לבבו, את שאיפתו שהשמחה תהיה שמחה זכה וטהורה. ״יודע מחשבות הושיעה נא... לובש צדקות עננו ביום קראנו״...

---

108) תש״ג (הרבנית ממשיכה בתיאור זכרונותיה מהשנה הקודמת, בה חגגו את החגים ביחידות, בניגוד לשנת תש״ד שבה כבר התכנס מניין, כאמור).

109) ראה לעיל ע׳ 000.

110) אולי הכוונה ל״ניגון הקפות לר׳ לוי יצחק״ — ספר הניגונים ח״ב ניגון קפה. ושם: הרלוי״צ אמר שמקובל בידו שהניגון הזה שרו בעת הקפות אצל כ״ק אדמו״ר הזקן.



אַ סך פון די אינגערע, האָבן זיך איינגעאָרדנט אין די געשעפטן, אָבער מען האָט גלייך אָנגעהויבן קוקן אויף זיי שלעכט, און זיי האָבן געלעבט זייער ניט רוהיק.

פון די אַלע האָט זיך צונויפגעקליבן אַ היפּשער עולם צום דאַוונען. קיין איידעלע אידן וואָס מען זאָל קענען נעמען אויף שליח־צבור, בעל־קריאה און בעל־תקיעה איז ניט געווען, זיי זיינען געווען פשוט׳ע און פרייע. אַ ספר תורה האָט ער שוין געהאַט, אַ שופר האָב איך אויך געבראַכט פון דער היים, האָט ער דאָס אַלץ אַליין געמוזט טאָן. אַלץ מיט אַזוי פיל האַרץ, „כל עצמותיו תאמרנה״. ער האָט דאָס שוין פאַר פינף יאָר ניט געזען. דער גאַנצער עולם, מיט הזדככות, מיט געוויינען — עס איז געווען שרעקליך.

פון דער דירה וואו דער מנין האָט געדאַוועט, צו אונזער צימער, האָט מען געדאַרפט דורכגיין צוויי „טאָלן״, אַראָפּ און אַרויף אַ באַרג, עס איז געווען גאַנץ ווייט. יום כיפור ביינאַכט, שוין נאָך „קידוש לבנה״ ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין צימער, האָב איך אים ניט דערקענט. אַזאַ השתנות איז געוואָרן אויף דעם געזיכט. ער איז אָבער געווען שטאַרק צופרידן וואָס עס האָט זיך איינגעגעבן אַזוי דורכפירן די ימים נוראים.

די ערשטע טעג סוכות, האָט מען שוין דאָרט ניט געקענט דאַוונען, אָבער די אַנדערע טעג, האָט מען ווייטער איינגעאָרדנט.

* * *

## א שמחת תורה וואָס מען וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן

ווי מען האָט זיך משמח געווען דעם שמחת־תורה — דאָס איז ניט איבערצוגעבן, פשוט „ריקודים״ עס האָבן געזונגען און פאַרבראַכט אַזעלכע, וואָס אין דעם היים ביי זיך האָבן זיי דאָס קיינמאָל ניט געטאָן. אַ סך האָבן געזאָגט אַז זייענדיק מיט „אים״ אין שול יום־טוב, פאַרגעסן זיי אויף זייערע צרות, און זיי פילן נאָר זיין ווירקונג אויף זיי.

אַ פּאָר האָבן געמאַכט ביי זיך „קידושים״, פאַררופן עטליכע מענטשן מיט כיבוד. דאָס איז אין קיינע שטעט אַרום ניט געווען. נאָר דאָ, ווייל ער

האָט זיך דאָ געפונען. זיי האָבן געזאָגט אַז זיי וועלן אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

זען זיין פאַרברייניגען האָט מען געקענט מיינען, אַז דער מענטש האָט גאָרניט איבערגעלעבט. אָבער דער געזיכט איז שוין געווען זייער ניט גוט, דער גייסט איז געווען גאַנץ שטאַרק.

* * *

## די אידן האָבן געבראַכט דעם שלעכטן וועטער

די ימים־טובים — וואָס זיי האָבן אונז אַ ביסל אַוועקגעטראָגן פון דער שטענדיקער דערשלאָגענער שטימונג, אויסגעטאָן פון דער וואָכעדיקע, און געשטעלט עפּעס אַ ביסל העכער — האָט זיך געענדיקט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער טאָג־טעגליכן לעבן, ניט גאָר אינטערעסאַנטער.

עס זיינען געוואָרן גאַנץ היפּשע פרעסט, מיט שנייען אפילו, און ווי די גוי'אישע איינוואָוינער האָבן דאָרט געזאָגט, איז שוין העכער דרייסיק יאָר אַזעלכע קעלטן ניט געווען. נאָך האָבן זיי געזאָגט אַז די жиды[223] האָבן געבראַכט די שלעכטע וועטערן.

די וואָוינונגען זיינען דאָרט ניט איינגעאָרדנט אויף צו הייצן, עס זיינען ניטאָ קיין אויוונס מיט וואָס אָנוואַרעמען די צימערן. די ווענט זיינען פון ליים, אויף קאַזאַכיש רופט מען דאָס: „אַסמאַן".

זומער איז דאָרט נישט־קשה, ווינטער אָבער, ווערט אַלץ נאַס. אינדערפרי ווען מען האָט געדאַרפט אָנטאָן די שיך אָדער „וואָלענקעס"[224] וואָס מען טראָגט דאָרט, זיינען זיי שטענדיק געווען נאַס. דאָס איז אַזוי ניט געשמאַק, ביז מען ווישט אויס און די פיס וואַרעמען זיך אָן. די ווענט, טרעפט זיך גאַנץ אָפט, זיינען מיט שימל.

איך האָב געפונען אַן אידישן אויוון־מאַכער (печник), און ער

(223) = זי'דים — כינוי גנאי ליהודים.

(224) מגפי לֶבֶד.



האָט זיך גענומען אויסבויען אַזאַ מין „אייוועלע" אינמיטן צימער, מען זאָל קענען אויף איר קאָכן און באַקן, אין „סאַמע־טיים"[225] — ווי מען זאָגט דאָ — זאָל זיך וואַרעמען דעם צימער אויך.

אָבער קיין „ציגל" האָט דער בעל מלאכה ניט געהאַט, און ברייינגען פון ערגעץ, האָט ער ניט געקענט. האָב איך במחילה, אַליין אָנגעטראָגן העכער הונדערט „שטיק", זיי צונויפגעקליבן, מיט אַלע־ערליי התחכמות, ווייל קויפן איז ניט געווען וואו.

ב"ה דאָס געמאַכט אויך.

איך וויל דאָס שוין מקצר זיין, דעם שרייבן פון דעם.

דערנאָך איז געוואָרן דער פּראָבלעם מיט הייצונג. עס פלעגט ניט גרינג אָנקומען, נאָר דאָס האָט מען אויך דורכגעפירט ווי־ניט־איז.

נאָר דער קוימען, וואָס דער „רויך" דאַרף דורכגיין ווען מען הייצט, איז געווען איינער מיט דער בעל־הבית'טע, במילא, ווען מען פלעגט הייצן, האָבן זיך די פייערן פון ביידע „אויוונס" באגעגנט אין דעם קוימען. און דער גאַנצער „רויך" האָט געשלאָגן אין צימער, און עס איז ניט געווען מעגליך איינצוזיין אין שטוב.

עס פלעגט אַלץ שוואַרץ ווערן פון די סאַזשע[226] פון דעם רויך. מיר האָבן געזוכט עצות, מען זאָל מיט איר אין איין צייט ניט הייצן. נאָר ווען בא איר האָט זיך די „רציחה" צוברענט אויף אידן בכלל, האָט זי גלייך איינגעהייצט אַזוי, אַז דער רויך זאָל גיין צו אונז אין צימער. און בכלל, די שטאַרקע „ווינטן" פלעגן אויך טרייבן מיט אַ שטאַרקייט דעם רויך אין צימער.

* * *

(225) Same time (בו זמנית).

(226) פיח.